# וואקסינירט היינט

County Health Officials of New York



## וואקסינירט היינט

לויט רעקאמענדאציעס פון מעדיצינישע און פובליק געזונטהייט מומחים, אריינגערעכנט דעם 'אמעריקען מעדיקעל אסאסיעשען', 'אמעריקען אקאדעמיע פון פעדי עטריקס', און צענטערס פאר קראנקהייט קאנטראל און פארמיידן (CDC) זאלן קינדער 6 חדשים און העכער באקומען דעם קאָוויד-19 וואקסין. דער באשלוס צו באשיצן אייער קינד איז וויכטיג, אבער מיר פארשטייען אז איר האט מעגליך פראגעס.

**דורך וואקסינירן אייערע קינדער טוט איר נישט בלויז באשיצן אייערע אייגענע קינדער, נאר אויך זייערע פריינט, חברים אין כיתה, מלמדים און טיטשערס, סקול איינגעשטעלטע און דער ברייטערער ציבור.**

### פראגעס אדער זארגן?

רופט אייער העלטקעיר פראוויידער אדער באזוכט א פארמאסי אויף אויסצוגעפונען מער. אדער גייט צו *vaccines.gov* צו געפונען קאָוויד-19 וואקסינען נעבן אייך.

# דער קאָוויד-19 וואקסין איז:

## זיכער

דער קאָוויד-19 וואקסין האט באקומען די מערסט אינטענסיווע זיכערהייט באאבאכטונג אין די אמעריקאנע געשיכטע, וואס האט ערמעגליכט פאר פובליק געזונטהייט באאמטע צו מאכן וויסנשאפט-באזירטע רעקאמענדאציעס וועלכע האלטן מענטשן אפגעהיטן. אייגנטליך האבן שוין צענדליגע מיליאנען קינדער און יוגנטליכע באקומען דעם קאָוויד-19 וואקסין אן קיין שום פראבלעמען.

## עפעקטיוו

כאטש די וואקסינען זענען שנעל אנטוויקלט געווארן, האט דער פראצעס אריינגערעכנט דעם זעלבן שטרענגן איבערזיכט פראצעס וואס ווערט געפאדערט פאר אלע נייע וואקסינען. בעפאר'ן ווערן אויטאריזירט פאר קינדער, זענען קאָוויד-19 וואקסינען אפגעשאצט געווארן אין טויזנטער קינדער אין קלינישע פראבע פראצעסן. די וואקסינען זענען נאכגעקומען די 'עסנווארג און דראָג אדמיניסטראציע'ס' (FDA) שטרענגע וויסנשאפטליכע סטאנדארטן אין זיכערהייט און ווירקזאמקייט.

## בחינם

די קאָוויד-19 וואקסינען זענען אומזיסט און גרייט צו באקומען פאר רוב אמעריקאנער איינוואוינער לענגאויס ניו יארק סטעיט, אפגעזען אימיגראציע אדער העלט אינשורענס סטאטוס.

# וואקסינען ראטעווען לעבנס

וואקסינירט הײנט

County Health Officials of New York

ניו יארק סטעיט
אסאסיעשען פון
קאונטי געזונטהייט באאמטע
NYSACHO.org

פארבינדט
אייך מיט אונז